## דריטער טייל

בראש פֿון טראַנספּאָרט איז געגאַנגען דער אונטערשאַרפֿירער, וועלכער איז געווען פֿאַרטרעטער פֿונעם לאַגער-קאָמענדאַנט. הינטער אים דער הויפּטקאַפּאָ, אַ פּאָליאַק פֿון פּאָמערן, וועלכן די נאַציס האָבן איינגעשפּאַרט, ווײַל ער האָט נישט געוואָלט מיטאַרבעטן מיט זיי און אפֿילו נישט געוואָלט אָננעמען די דײַטשע נאַציאָנאַליטעט, כאָטש פֿון זײַן פֿאָטערס צד האָד ער געשטאַמט פֿון דײַטשן. מיט אַ פֿאַרריסענעם פּוילישן פּאַטריאָטישע שטאָלץ האָט ער געטראָגן דעם רויטן דרײַעק אויף זײַן לינקער זײַט ברוסט -- דעם צייכן פֿון אַ פּאָליטישן העפֿטלינג. ער איז געקומען מיט אונדז, פּוילישע ייִדן, פֿון בוכענוואַלד ווי הויפּטקאַפּאָ און איז געווען דער ממונה איבער אונדז. מ׳האָט אונדז געהאַט אָנגעזאָגט פֿאַרן אַרויספֿאָרן: ״די קאַפּאָס, וואָס פֿאָרן מיט אײַך מיט, מוזן זיך אָנשטענדיק אויפֿפֿירן און אײַך קיין שלעכטס נישט טאָן, אײַך נישט שלאָגן, ווײַל אויב נישט וועט אונדזער האַנט זיי דערגרייכן אפֿילו פֿון דער ווײַטנס.״ דאָס האָבן דאָ אָנפֿירערס פֿונעם לאַגער בוכענוואַלד, אַלע כּמעט דײַטשע פּאָליטישע העפֿטלינגען, אונדז אָנגעזאָגט פֿאַרן אַרויספֿאָרן אין די זאַלצגרובן (ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָבן זיי אַלע געהערט צום בוכענוואַלדער געהיימע אונטערגרונט). לעבן דעם פּוילישן הויפּטקאַפּאָ איז געגאַנגען זשאַק, דער הויפּטקאַפּאָ פֿון די פֿראַנצויזן, און רעציטירט דאָס לידל. אויך זשאַק איז געזעסן כּמעט פֿאַר די זעלבע חטאָים וואָס אונדזער פּוילישער הויפּטקאַפּאָ. אויך ער האָט געשטאַמט פֿון געמישטע עלזאַסער עלטערן, האָט שטודירט אין דײַטשע אוניווערסיטעטן, אָבער ער איז אויך געווען טעטיק אינעם פֿראַנצייזישן ווידערשטאַנד, גענוי ווי זײַנע מיטאַרעסטאַנטן. די אַנדערע קאַפּאָס זענען אַלע געווען פֿראַנצויזן, חוץ צוויי דײַטשע קאַפּאָס, וואָס האָבן געטראָגן צוגענייט צו זייערע העפֿטלינג-נומער גרינע דרײַעקן, אַ סימן: קרימינעלע אַרעסטאַנטן. אויך זיי זענען געקומען מיט אונדז פֿון בוכענוואַלד און האָבן זיך דערווײַלע לגבי אונדז גוט אויפֿגעפֿירט.

איך האָב זיך געשטופּט פֿון פֿאָרנט. אַזוי ווי דער לאַגער-קאָמענדאַנט האָט אָנגעזאָגט אַז די וואָס וועלן נישט קענען גיין, וועט מען דערשיסן, האָב איך געזאָגט צו בעניעקן, מײַנעם אַ חבֿר פֿון לאַגער, אַ ייִנגל אין מײַן עלטער, מיט וועמען כ׳בין געשלאָפֿן אויף דער זעלבער פּריטשע: ״בעניעק, קום פֿון פֿאָרנט, ווײַל פֿון הינטן וועט מען שיסן! צווייטנס, אונדזער הויפּטקאַפּאָ גייט פֿון פֿאָרנט און ס׳איז בעסער צו זײַן נאָענט צום אים.״ דער הויפּטקאַפּאָ פֿלעגט תּמיד אויף אונדז ביידע אַ ביסל בעסער קוקן און אונדז רופֿן: ״דזיִעטשי״ (קינדער) איבער הויפּט זינט בעניעק האָט אים געגעבן אַ גאָלדענעם דימענטרינג. די מעשׂה איז געווען אַזוי: איין מאָל, צוריקגייענדיק פֿון דער אַרבעט אין לאַגער אַרײַן, האָט זיך בעניעק באַקלאָגט פֿאַר מיר מיט זײַן פּיעשטשענדיקער שטים, ווי אַ מאַמעס אַ זינדל, אַזוי ווי איך וואָלט גאָר געווען זײַן מאַמע: ״יעקבֿ, כ׳קען נישט גיין!״ ״טאָ לייג דיך אַוועק!״ -- האָב איך אים געענטפֿערט קאַלט, ווי אַ גזלן. בעניעק האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן מיט אַזאַ מין נעבעכדיקער מינע, אַז כ׳האָב געמיינט אַז באַלד ברעכט ער אויס אין אַ געוויין, ווי בײַ זײַן מאַמען אין דער היים. אַזוי אומבאַהאָלפֿן איז ער געווען! כ׳האָב מיר געטראַכט, ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז ער האָט אויסגעהאַלטן ביז איצט? כּמעט דרײַ יאָר אין לאַגער!

בעניעק האָט גערעדט בלויז פּויליש. פֿאַר מיר, פֿאַר דעם ייִנגל פֿון קליינעם שטעטל, האָט דאָס אויסגעזען זייער אויסטערליש, נישט נאָרמאַל. וואָס הייסט? אַ ייִד און קען נישט קיין מאַמע-לשון? ביז ער האָט מיר נישט געוויזן, אַז ער איז געמלעט, האָב איך אים נישט געוואָלט גלייבן, אַז ער איז אַ ייִד. דערפֿאַר האָט ער אָבער גערעדט פֿראַנצייזיש, אָדער ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער רעדט, ווײַל מיט די פֿראַנצויזן פֿלעגט ער זיך תּמיד פֿאַרשטענדיקן אין זייער שפּראַך. די פֿראַנצויזן פֿלעגן אים דערפֿאַר ליב האָבן און רופֿן : ״פּאָלאָנע, פּאָלאָנע קי פּאַרל פֿראַנסע... (דער פּאָליאַק וואָס רעדט פֿראַנצייזיש). ״ראָזומיעש? פֿאַרשטייסט? -- האָט מיר בעניעק אַ מאָל אין זײַן קלינגענדיקן שיינעם קראָקעווער פּויליש אַ שטאָלצער געזאָגט -- בײַ אונדז אין דער היים האָבן אַלע קינדער געלערנט פּאָ פֿראַנצוסקו״...

ער האָט געשטאַמט פֿון אַ רײַכער קראָקעווער אַסימילירטער פֿאַמיליע און ווען ער איז נאָר געווען אַ קליין קינד פֿלעגט אים זײַן מאַמע, זײַן ייִדישע מאַמע, בײַם אײַנשלעפֿן, צוזינגען די הייליקע קאָלענדעס, אַזוי פֿאַרפּויליש זענען זיי אין דער היים געווען. דאָך פֿלעגן זיי צוויי-דרײַ מאָל אין יאָר גיין אין דער שול אַרײַן, אין דעם באַקאַנטן קראָקעווער פּראָגרעסיוון טעמפּל, ראש-השנה און יום-כּיפּור. אָבער אויך ניטל פֿלעגן די עלטערן פּראַווען ספּעציִעל פֿאַר די קינדער, מיט אַ יאָלקע [ניטל-בוים] כּמוכּ שכּתובֿ און קיינעם גאָרנישט שולדיק געבליבן.

"האַלט דיך נישט אַזוי גרויס, פּאַן בעניעק״ -- האָב איך אים אַ מאָל צוריק אַרײַנגעזאָגט מיט אַ נישט קלענערן שטאָלץ -- ״אויך איך האָב געשוויענטשעט, געפּראַוועט באָזשע-נאַראָדזעניע, נישט מיט קיין יאָלקע, חלילה, ווײַל דער טאַטע וואָלט מיך דערהאַרגעט, אָבער כ׳בין אַרומגעלאָפֿן מיט אַ פּנים פֿאַרשמירט מיט סאַזשע, ווי פּורים, מיט מײַנע גויִשע חבֿרים, געדרייט אַ גוויאַזדע און געזונגען ׳טשעי-קרולאָוויע׳ (׳די דרײַ קעניגן).״ און כ׳האָב באַלד בעניעקן אויפֿגעזונגען דאָס גאַנצע זמירות. די גויִם אין שטעטל פֿלעגן הנאה האָבן און אונדז געבן גאַנצע גראָשנס. און כ׳האָב זיי נאָך צוגעהוליעוועט אַ קראַקאָוויאַק בעת באָלעק, מײַן גויִשער חבֿר, פֿלעגט מיר צושפּילן אויף זײַן מויל-האַרמאָשקע, פֿלעגן מיר שוין באַקומען צו גאַנצע פֿינפֿער גראָשנס.

דאָך האָב איך איין מאָל אַרײַנגעכאַפּט אַ געזונטן קאָפּע אין הינטן אַרײַן פֿון אַ פֿאַנאַטישן גוי, אַז כ׳האָב אַזש דערזען די שטערן פֿאַר די אויגן. ״זשידזשע זדעיִם טשאַפּקע!״ -- זשידעק, נעם אַרונטער ס׳היטל! האָט ער צו מיר געזאָגט. ״ווען דו זינגסט אונדזערע הייליקע קאַלענדעס מוזסטו אַראָפּנעמען ס׳היטל פֿון דײַן זשידאָווסקע קאָפּ!״

"אַ כאָלערע, אַ קרענק וועל איך דיר ס׳היטל אַראָפּנעמעם!״ -- האָב איך אים געענטפֿערט אין אַ ריינעם ייִדיש, ער זאָל חלילה נישט פֿאַרשטיין, ווײַל ער וואָלט מיך נאָך געקענט צעממיתן -- ״איך בין אַ ייִד און טאָר דאָס היטל נישט אַראָפּנעמען! פֿאַרשטייסט? חמור-קאָפּ וואָס דו ביסט!״ און כ׳האָב עם געוויזן די צונג מאַכנדיק דערבײַ אַ ויבֿרך....

דאָך, וואָס פֿאַר אַ שׂמחה איז געווען אין שטעטל, ווען איך פֿלעג נאָכמאַכן ווי אַזוי דער גלח, דער פּראָבאָשטש [פֿאַרוואַלטער פֿון דער קירך -- תּכ] האָט זיך אַ מאָל באַקלאָגט

פֿאַרן טאַטן, ווען ער האָט בײַ אים געמאָנט געלט פֿאַרן נײַעם בלעכענעם דאַך, וואָס דער טאַטע האָט צוגעשטעלט פֿאַרן קאָשטשאָל.

"פֿאַניע קאַנאַר - האָט דער גלח געקלאָגט מיט זײַן פֿאַרכריפּעטער שטים פֿון פֿיל זויפֿן -- פֿאַניע קאַנאַר, כאָלערנע צײַטן, שלעכטע צײַטן! קיין לוויות, קיין חתונות, סוף וועלט! כ׳זאָג אײַך, ס׳איז ענדע וועלט!״... ״פּראָשען קשיענדזאַ, נאָך אַ קעלישעק?״ -- האָט דער טאַטע צום וויפֿלסטן מאָל גענומען אין האַנד דאָס פֿלעשל בראַנפֿן, וואָז איז געשטאַנען אויפֿן טיש.

"ביטע, ביטע, האָט דער גײַסטלעכער געענטפֿערט נישט אַראָפּלאָזנדיק אויף קיין רגע זײַנע פֿאַרוואַסערטע כיטרע אויגן פֿונעם פֿלעשל -- אָבער איר טרינקט מיט?״

"נאַטירלעך טרינק איך מיט. דאָס וואָס איר האָט ליב, עקצעלענץ, האָב איך נישט פֿײַנט״ -- האָט דער טאַטע געענטפֿערט און מע האָט געהויבן נאָך אַ כּוסע.

"נאַזדראָוויע״

"אָבער נישט געזאָרגט, פֿאַניע קאַנאַר, נאָך די חגאָות זענען תּמיד דאָ פֿרישע לוויות, מען פֿרעסט זיך איבער מיט דער פֿעטער שווייניע און ס׳זענען דאָ, גאָט צו דאַנקען, לוויות. דאַן קומט דער מאַרץ, ווען די סוכאָטניקעס גייען אַ גאַנג... און שוין איז ווידער וועסנע, דער פֿרילינג. ווי נאָר די ערשטע פֿלאַטערלעך באַווײַזן זיך אויף די פֿעלדער, קומען דאָך באַלד צו לויפֿן צו מיר די יונגע פֿאַרליבטע פּאָרלעך... און מיר, פֿאַניע קאַנאַר, זענען דאָך נאָך אויך נישט אַזוי אַלט! העעע..״ -- און ער גיט דעם טאַטן דערבײַ אַ וויל-יונגערישן שטופּ אין דער זײַט. ״און דו, קליינער קאַנאַרעק, -- האָט דער בגילופֿנדיקער פּראָוואָשטש מיט אַ מאָל זיך געוואָנדן צו מיר, וואָס כ׳בין געשטאַנען אין אַ זײַט און אים די גאַנצע צײַט אָבסערווירט -- וואָס קוקסטו אַזוי כיטרע אויף מיר מיט דײַנע שוואַרצע גנבֿישע אייגעלעך? וואָס, דערקענסט מיר נישט? איך בין דאָך דער פּראָוואָשטש פֿון סקאַלבמיעזש פֿון דער גרעסטער פּאַראַפֿיע אינעם גאַנצן פּינטשאָווסקי. פֿינף און דרײַסיק וויאָסקעס (דערפֿער) געהערן צו מיר, צו מײַן קאָשטשאָל! פֿאַרשטייסט וואָס דאָס הייסט? פּאַס אויף אָבער, אַז דו זאָלסט מיך נישט, גאָט באַהיט, פֿאַרטוישן מיטן רבֿ אײַערן, ווײַל דעמאָלט וועט דײַן טאַטע נישט זײַן זייער גליקלעך. העע... קענסט אָבער לײַכט אונטערשיידן צווישן אונדז. דער רבֿ אײַערער טראָגט אַ לאַנגע באָרד מיט פּאות און טרינקט הייסע טיי מיט ציטרין. דער פּראָוואָשטש אָבער האָט נישט קיין באָרד מיט פּאות און טרינקט גערן וודקע, צום ליבסטן אַ פֿינפֿונײַציקער. נו, זאָג, וואָס איז בעסער? האַ, האַ, האַ...״

ווען איך האָב געוויזן, ווי אַזוי דער פּאַן פּראָוואָשטש הייבט זיך אויף פֿון טיש און פּראָבירט צו שטעלן די ערשטע טריט נאָך אַזוי פֿיל גלעזערלעך, פֿלעגן אַלע אַרום מיר פּאַטשן מיט די הענט. ווען איך פֿלעג שוין האַלטן בײַם נאָכמאַכן אונדזער רבֿ פֿון שטעטל, ווי ער זופּט די הייסע טיי מיט ציטרין פֿון דעם אונטערטעצל אַזוי הויך, אַז דער גאַנצער מאַרק הערט ווי דער רבֿ טרינקט טיי, און כּדי נישט צו פֿאַרשווענדן סתּם צײַט בלויז אויף עולם-הזש, כאַפּט ער נאָך אַרײַן אין דער זעלבער צײַט אַ בלאַט גמרא מיט תּוספֿות. אָדער ווען איך האָב נאָכגעמאַכט, ווי אַזוי ער שאָקלט זיך בײַ שמנה-עשׂרה און ווי בײַ ייִדן פּלאַצט ס׳געדולד ביז דער רבֿ רוקט זיך סוף, סוף שוין אויס און

מאַכט דעם ברייטן "עושׂה שלום במרומיו," דעמאָלט איז שוין אַ האַלבער מאַרק מיט די ייִדן געשטאַנען אַרום מיר און זיך געהאַלטן בײַ די בײַכער פֿון לאַכן.
און ווי אַזוי צילקע, די עיִן הרע-אָפּשפּרעכערין, ווען מיר קינדער האָבן גערופֿן "צילקע מכשפֿה," ווײַל זי פֿלעגט תּמיד הייבן דעם ספּאָדיק און אויסשפּײַען דרײַ מאָל "טפֿו, טפֿו, טפֿו," האָט זיך אַ מאָל געיאָגט נאָך אַ געשאָכטן הינדל, -- "ווילט איר זען?," האָב איך אויסגערופֿן ווי אַן עכטער בדחן און האָב געפּילט ווי כ'האָב שוין דאָס גאַנצע קרענצל מענטשן אין מײַנע הענט.
"יאָ,יאָ, מיר ווילן זען!" -- האָבן אַלע אויסגערופֿן און איך האָב פֿאַר זיי פֿאָרגעשטעלט, ווי אַזוי די אַלטע צילקע האָט זיך אַ מאָל געיאָגט נאָך אַ געשאָכטן הינדל איבערן גאַנצן מאַרק און האָט דערבײַ געמאַכט גוואַלדן: "כאַפּטוס די כּלי! כאַפּטס די כּלי! דאָס איז נישט קיין הין, דאָס איז אַ האָן! אַ ממזר, אַן אויסוווּרף!"...
זי האָט אַ מאָל געקויפֿט אַ קליין אויסגעדאַרט הינדל אויף שבת, וואָס האָט נעבעך קוים געזשיפּעט, און נאָכן שעכטן, ווען דער שוחט האָט עס אַוועקגעוואָרפֿן, האָט דאָס הינדל גאָר אָנגעהויבן צו לעבן און איז אַנטלאָפֿן אין מיטן מאַרק אַרײַן.
"יאַנקעלע! יאַנקעלע! -- האָב איך געהערט רופֿן פֿון אַלע זײַטן -- ווײַז נאָר ווי אַזוי חיים-שׂרהס לייענט שבת אין דער תּורה! און ווי אַזוי דער זיידע שטופּט זיך צום ברעטל! און ווי אַזוי די באָבע חיהלע לייענט די צאינה-וראינה!"
פּלוצלינג -- יענער בראָך! די באָבע חיהלע איז דאָ! די עכטע באָבע חיהלע! זי כאַפּט מיר אָן בײַ דער האַנט און שלעפּט מיר אַרויס בחרפּתנו פֿונעם גאַנצן קרענצל, רופֿנדיק צו די מענטשן אַרום: "פּאַיאַצן, לצים וואָס איר זענט! וואָס ווילט איר האָבן פֿונעם אָרעמען, נעבעך, קינד-לעבן? וואָס איז הײַנט -- פּורים, שׂמחות-תּורה? וואָס איז די גדולה אויף אײַך? משיח איז געקומעם? ס'בית-המיקדש האָט מען צוריק אויפֿגעבויט? שעמען מעגט איר זיך אין אײַער ווײַטן האַלדזן אַרײַן!" און צו מיר: "דו קלײנער שמענדריק וואָס דו ביסט! וואָס פֿאַר אַ חרפּות מאַכסטו מיר אָן? אַנשטאָט צו זיצן אין חדר, שפּילסטו גאָר טריַאַטער, דרייסט אַ וויאַטראַק מיט די שקצים, זינגסט קאַלענדעס, אוי, אַ ווייטיק צו מיר! וואָס וועט פֿון דיך ווערן? וואָס וועט פֿון דיר אַרויסוואַקסן?"
"באָבע, ס'איז דאָך הײַנט ניטל! מע גייט נישט אין חדר אַרײַן."
"ניטל-שמיטל אויף מײַן קאָפּ, נישקשה, ביסט שוין קיין עיִן הרע אַ פֿאָלנער גוי! וועסט שוין באַלד קענען מאַכן פּאָגראָמען אויף ייִדן."
"באָבע, וואָס רעדסטו? יאַך אַ גוי?" -- און איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין.
"נו, גענוג געוויינט! וועסט שוין וויינען אויף דײַן חתונה אמ-ירצה-השם. איצט ויש אָפּ די טרערן. נאַ, גיב אַהער די נאָז! שנײַץ גוט אַרײַן!אַזוי נאָך אַ מאָל! אַזוי איז בעסער. ציטער נישט, האָב נישט קיין מורא, כ'וועל גאָרנישט זאָגן דעם זיידן. קום, איך האָב נאָך אין דער היים אייער-קיכעלעך פֿון שבת, מיט מאַלינע-סאָק, וואָסט דו האָסט אַזוי שטאַרק ליב. אָבער וואַרט אַ מינוט. וואַרט -- האָט די באָבע מיט אַ מאָל זיך אָפּגעשטעלט -- ווײַז מיר טאַקע ווי אַזוי דער זיידע דאַוונט בײַם עמוד! דאָ, דאָ, אין פֿאָרדערהײַזל, קיינער זאָל חלילה נישט זען. אוי, מאַכסט דאָך אים אין גאַנצן נאָך,

ווײ איז צו מיר, כ'האָב דאָך גאָרנישט געזען, אַז ס'פֿעלן אים טאַקע צוויי ציין פֿון פֿאָרנט!״ -- און די באָבע האָט זיך צעלאַכט.
אָבער פּורים דערקעגן פֿלעגן מײַנע גוייִשע חבֿרים מיט מיר אַרומלויפֿן פֿאַרשטעלט מיט באָרד און פּאות און צוזאַמענגענעמען געלט בײַ די ייִדן, הכּלל, משיחס צײַטן פֿון מײַנע קינדער-יאָרן!...
איצט אָבער גייען מיר דעם טויטנמאַרש. ניין, מיר זענען נאָך אַ ביסל פֿריִער, אויפֿן וועג פֿון די זאַלצגרובן אין לאַגער אַרײַן, ווו בעניעק באַקלאָגט זיך, אַז ער קאָן נישט גיין.
"עפּעס שטעכט מיך אין שוך.״
"ס'שטעכט דיך אין שוך? מן הסתּם אַ טשוואָק.״
ווען מיר זענען אַרויף אויף דער פּריטשע האָבן מיר קיין טשוואָק אין שוך נישט געזען, אָבער עפּעס שאַרפֿס האָט דאָך אַרויסגעשטעקט. מיר האָבן אויפֿגעריסן די זויל און פֿאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ רינג מיט אַ גרויסן שטיין, וואָס האָט מאָדנע געלויכטן.
"דאָס מוז זײַן אַ בריליאַנט!״ -- האָב איך מעשׂה מבֿין אויסגערופֿן.
אַ גאָלדענער רינג מיט אַ בריליאַנט, אַנדערש קאָן עס נישט זײַן, ווײַל קיינער וועט דאָך נישט גלאַט אַזוי אַרײַנלעגן אַ רינג אין שוך אַרײַן. מן הסתּם האָט אַ רײַכע ייִדישע מאַמע אין דער לעצטער מינוט באַהאַלטן אין איר זונס שוך דעם גאָלדענעם רינג מיטן בריליאַנט און אים אָנגעזאָגט... גענוי ווי מײַן מאַמע האָט אין דער לעצטער מינוט אײַנגענייט אין מײַנע הויזן אַרײַן צוויי פֿינפֿהונדערטער זלאָטעס און מיר אָנגעזאָגט מיט טרערן אין די אויגן: ״געדענק, יאַנקעלע, טאָמער... אפֿשר... אַז גאָט וועט וועלן...״ זי האָט מיר אַרומגעכאַפּט און זיך צעוויינט... דער זון פֿון דער רײַכער מאַמע איז, זעט אויס, אומגעקומען און די שיך זענען געבליבן.
"לאָמיר נאָך זען, -- האָב איך געזאָגט -- צי ס'איז גאָרנישט דאָ אין אַנדערן שוך.״
"וואָס, ביסט משוגע געוואָרן?״ -- האָט מיר בעניעק אַרויסגעכאַפּט דעם שוך פֿון דער האַנט -- וואָס, גייסט מיר אויך צערײַסן דעם צווייטן שוך? ער שטעכט דאָך מיך נישט!״
אוי, גוואַלד! וואָס טוט מען מיט אַ בריליאַנטענעם אוצר?
"בעניעק -- איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַ געניאַלער געדאַנק -- מיר וועלן געבן דעם בריליאַנטענעם רינג דעם הויפּטקאַפּאָ! ער איז דאָך אַ גוטער קאַפּאָ; אפֿשר וועט ער אונדז דערפֿאַר געבן אַ פּײַקע ברויט אָדער אַ זופּ און אפֿשר גאָר ביידע. מיינסט אַז ס'איז נישט ווערט?״
"וואָס פֿאַר אַ מחותּן ביסטו צום רינג?״ -- האָט זיך בעניעק מיט אַ מאָל געהויבן מיט גרויסקייט פֿון אַ גבֿיר לגבי אַן אָרעמאַן -- דער רינג איז געלעגן אין מײַן שוך, נישט אין דײַנעם.״
נאָכן אויסטיילן די שיטערע זופּ האָב איך באַמערקט ווי דער הויפּטקאַפּאָ רופֿט צו בעניעקן און איז אים מכבּד מיט אויסקראַצן דאָס פֿעסל. כ'ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי כ'בין פּלוצלינג געשטאַנען נאָענט, ווי דורך אַ מאַגנעט צוגעצויגן צום פֿעסל. בעניעק איז געלעגן מיטן גאַנצן קערפּער אינעם פֿעסל און געהאַלטן אין איין קראַצן און לעקן. בלויס די פֿיס זײַנע האָט מען אַרויסגעזען. ווען ער האָט מיך באַמערקט, האָט ער

אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, ווי כ'וואָלט בכּלל פֿאַר אים נישט עקסיסטירט. פֿון גרויס צער בין איך צוריק אַרײַנגעלאָפֿן אין באַראַק אַרײַן. ווען בעניעק איז אַרײַנגעקומען האָט ער געהאַט כּמעט אַ פֿולע מענאַשקע מיט אַזאַ געדיכטער זופּ, אַז דער לעפֿל האָט אַזש געקאָנט שטיין. ער איז אַרויף אויף דער פּריטשע און פּאַמעלעך, רויִק, ווי אַ גוט דערצויגן קינד געזופּט די זופּ, אַז די אויערן האָבן שיעור נישט געפּלאַצט און דאָס חיות איז שיעור נישט אויסגעגאַנגען.

"סאַדיסט, פֿרעסער וואָס דו ביסט!," האָב איך מיר געטראַכט. אַלע אַרום האָבן אויף אים אַרויפֿגעקוקט מיט אַזאַ תּאווה, ווי ער וואָלט טאַקע פֿאַרמאָגט דעם גרעסטן אוצר אין דער וועלט. און איר קענט מיר גלייבן, אַז דאָס איז געווען דער גרעסטער אוצר. כ'האָב געמיינט, אַז ער וועט אין אַן אויגנבליק באַפֿאַלן ווערן פֿון די מענטשן מיט די אויסגעהונגערטע אויגן. בעניעק האָט דאָס, זעט אויס, אויך געפֿילט און זיך בײַ צײַטנס אַרויפֿגעצויגן אויף דער אייבערשטער פּריטשע.

"יעקבֿ!," האָב איך מיט אַ מאָל דערהערט זײַן קול. מיט אַ שפּרונג פֿון אַ מאַלפּע בין איך תּיכּף געזעסן לעבן אים מיט מײַן אויסגעשטרעקטן בלעכענעם טאָפּ.

"דיר קומט אויך אַ ביסל זופּ -- האָט ער מעשׂה גוטער חבֿר אַ זאָג געטאָן און האָט מיר אָפּגעמאָסטן מיטן לעפֿל אין מײַן טאָפּ אַרײַן און געציילט -- איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר, פֿינעף, זעקס, ז-י-ב-ן, זיבן האָב איך דאָך געזאָגט וואָס?" -- און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, נישט וויסנדיק וואָס ווײַטער צו טאָן. נאָך אַ רגע וואַקלעניש האָט ער ווײַטער געציילט: "אַ-כט, נײַ-ן, צען!" און האָט מיר נאָך צוגעגאָסן אַ האַלבן לעפֿל. "אָט האָסטו און זאָל דיר ווויל באַקומען!" אין איין אויגנבליק האָב איך אַרײַנגעפּוצט די צען מיט אַ האַלבן לעפֿל געדיכטע זופּ און דערנאָך מיטן פֿינגער און שפּעטער מיט דער צונג אויסגעלעקט דעם טאָפּ אַזוי, אַז מען האָט אים מער נישט געדאַרפֿט וואַשן. איך האָב מײַן טאָפּ קיין מאָל נישט געוואַשן, אַזוי זויבער-ריין אויסגעלעקט איז ער תּמיד געווען.

בקיצור, אַ דאַנק דעם רינג מיטן דימענט האָט זיך אָנגעהויבן ממש אַ גן-עדן פֿאַר בעניעקן. יעדן טאָג האָט ער געקראַצט דאָס פֿעסל און תּמיד עפּעס אויסגעקראַצט. דעם ערשטן טאָג האָב איך אויך געהאַט אַ שטיקל חלק אין דעם, אָבער צו מאָרגנס, ווען כ'האָב אויסגעשטרעקט מײַן טאָפּ, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

"וואָס איז? יעדן טאָג? אייגנטלעך קומט דיר גאָרנישט! דער רינג איז דאָך געלעגן בײַ מיר אין שוך. צווייטנס, אַז דו באַקומסט עפּעס פֿון דײַן מײַסטער, גיסטו דען מיר עפּעס? איין מאָל אַ שטיקל ציבעלע, דאָס אַלץ."

למען-האמת, בעניעק איז געווען גערעכט, ווײַל ווען מײַן דײַטשער מײַסטער אין די זאַלצגרובן פֿלעגט מיר אַ מאָל עפּעס געבן, פֿלעג איך דאָך דאָס אַליין אין איין שמע-ישׂראל פֿאַרצוקן, אַז קיין זכר פֿלעגט דערפֿון נישט בלײַבן. דער מײַסטער פֿלעגט דעמאָלט מיט זײַנע גרויסע בלאָע אויגן אויף מיר קוקן ווי אַזוי איך עס, ווי איך וואָלט דאָ געפּראַוועט כּישוף און געהאַלטן אין איין צושאָקלען מיטן קאָפּ. איך האָב אים תּמיד צוריקגעגעבן אַ ליבן שמייכל אַנשטאָט צו זאָגן: "דאַנקע-שען, הער מײַסטער." דער מײַסטער האָט עס פֿאַרשטאַנען און האָט צוריק אָנגענומען זײַן אָפֿיציעלן שטרענגן טאָן: "ווײַטער מאַכען! ווײַטער מאַכען!" די מאַשינען האָבן צוגעקלאַפּט צום

ריטעם און איבער מײַן קאָפּ, ווּ כ'בין געזעסן בײַ אַ מאַשין אויף אַ הויך קעסטל, וואָס דער מײַסטער האָט ספּעציִעל געהאַט פֿאַר מיר צוזאַמענגעקלאַפּט, -- "פֿיר דער קליינער פּאָל" (פּאָליאַק), ווי ער פֿלעגט מיר רופֿן -- האָט אַראָפּגעשריגן אַ גרויסע אויפֿשריפֿט "די רעדער ראָלען צום זיג." "אַלזאָ פּאָל -- האָט דער מײַסטער באַפֿוילן -- הײַנט מוזסטו העכערן די נאָרמע מיט נאָך הונדערט שטיק, פֿערשטאַנדען?"
"יאַוואָל, הער מײַסטער!" -- האָב איך איבערגעשריגן דעם גערויש פֿון די מאַשינען, אַז ער זאָל מיך הערן. נישט צוליב מורא פֿאַרן מײַסטער האָב איך געהעכערט די נאָרמע. ניין, אונדזער מײַסטער איז געווען אַן אויסנאַם. ער האָט נישט בלויז קיינעם נישט אָנגערירט, נאָר אַפֿילו קיין מאָל קיינעם נישט באַליידיקט. ווי די אַנדערע מײַסטערס. אָבער שרײַען האָט ער שוין איין מאָל געשריגן. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען אַז דאָס שרײַען זײַנס אויף אונדז איז נישט מער ווי אַ דעקמאַנטל. און נאָך העכער פֿלעגט ער שרײַען, ווען אַנדערע מײַסטערס האָבן זיך באַוויזן אין אונדזער אָפּטיילונג. אַלע אַרום זענען געווען אויפֿגערעגט אויף מיר, פֿאַר וואָס איך פּראָביר העכערן די נאָרמע.
"וואָס ביסטו משוגע געוואָרן?" -- האָט זיך איינער צו מיר אָנגערופֿן -- "גייסט שוין ווידער העכערן די נאָרמע?" ווײַל אויב איך וועל דאָס טאָן, מוזן אַלע דאָס זעלבע טאָן.
"ווען דער קליינער פּאָל קאַן דאַס שאַפֿען" -- פֿלעגט דער מײַסטער זאָגן -- "דאַן קענט איר דאָס אַוך שאַפֿען, פֿאַרדאַמט נאָך איין מאָל!"
איטשע, אַ פֿערד-סוחר פֿון מײַן געגנט, וואָס האָט מיר שפּעטער, ווי כ'האָב שוין דערציילט, אויפֿן טויטנמאַרש אַרויסגעראַטעוועט קוים אַ לעבעדיקן פֿון אונטער דער קופּע פֿראַנצויזן, האָט מיך פֿאַרטיידיקט:
"וואָס ווילסטו פֿון אים האָבן? אַז מע וועט אונדז אַרויפֿשיקן אויבן אין דער הייך, צו אַרבעטן אויף דער קעלט מיט די פֿראַנצויזן, וועט זײַן בעסער? דאַנק דעם טײַוול וואָס דו ליגסט אײַנגעלייגט אין דר'ערד, אין דער וואַרעם, ווען נישט וואָלסטו שוין פֿון לאַנג געהאַט די פֿיס אויסגעצויגן. וואָס מישטיינס געזאָגט, שפּילט שוין אַ ראָלע? איז נאָך הונדערט רעדעלעך אַ טאָג, אַ מכּה וועלן זיי מיט דעם געווינען די קריג! מיט שקלאַפֿן-אַרבעט געווינט מען נישט קיין מלחמות. און דער מײַסטער אונדזערער? ווּ טרעפֿסטו נאָך הײַנט אַזאַ אָרנטלעכן דאַטש. ער דאַרף עס זיכער, ער מוז דאָך באַווײַזן, אַז ער שאַפֿט. טאָמער נישט, שיקן זיי דאָך אים גלײַך אַוועק אויפֿן פֿראָנט. אוי, ווי דערלעבן מיר שוין זייער מפּלה? -- -- האָט איטשע גערעדט ווי צו זיך -- טאַטע זיסער אין הימל! לאָמיר נאָר זיי איבערלעבן כאָטש איין מינוט! כ'וויל נאָר זען זייער סוף און דערנאָך איז מיר נישט קיין חילוק. אַלזאָ, יאַנקעלע, זאָל זײַן נאָך פֿופֿציק שטיק, נישט מער, פֿאַר הײַנט! מסכּים?" און אַלע אַרום זענען געווען מסכּים.
צו מאָרגנס האָט מיר דער מײַסטער געבראַכט נישט אַ ציבעלע, ווי תּמיד, נאָר אַ קאַרטאָפֿל, אַ גרויסן אָפּגעבאַקענעם קאַרטאָפֿל. אַ מאָל האָט ער מיר אַרײַנגעלייגט אין דער האַנט אַרײַן, אַז קיינער זאָל נישט זען, אַ רק, אַ רויטן אָפּגעקאָכטן רק. זעלטן אַ מאָל אַ שטיקל ברויט. און אַ מאָל, ווען כ'האָב אויף אים געקוקט מיט מײַנע חניפֿהדיקע אייגעלעך, ער זאָל מיר עפּעס געבן אין מויל אַרײַן, וואָס הייסט, שוין גאַנצע טעג ווי ער האָט מיר גאָרנישט געגעבן און איך האַלט אים אין איין העכערן די נאָרמע? ווּ איז יושר? -- האָט דער מײַסטער נערוועִיש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זיך גוט אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט אים נישט, און מיר אַרײַנגעשריגן אַ סוד אין

אויער: ״הימל הער גאָט נאָך איין מאָל! וויר האַבען זעלבסט ניכטוס צו פֿרעסען! ווען
צו דיזען שווייַנע-קריג קיין ענדע קאָמט, דאַן וירד גאַנץ דויטשלאַנד איין
שייַסעהאַופֿען ווי אין דרעזדען...״ (״צו אַל די שוואַרצע יאָר! מיר אַליין האָבן דאָך
נישט וואָס צו פֿרעסן! אויב די חזירישע מלחמה וועט זיך נישט ענדיקן, וועט פֿון גאַנץ
דייַטשלאַנד ווערן אַ קופּע טינוף, ווי אין דרעזדען״ [די שטאָט דרעזדען, וואָס די
אַלייִרטע לופֿט-כּוחות האָבן צעבאָמבאַרדירט -- תּכּ].
ווען כ׳האָב צוריקגייענדיק אין לאַגער אַרייַן דערציילט איטשען די
אומפֿאַרשטענדלעכע רייד פֿונעם מייַסטער, האָט ער דאָס תּיכּף אַזוי אויסגעטייַטשט:
״זעט אויס, אַז מע האָט זיי אין דרעזדען גוט אַרייַנגעמאַקלעט אין תּחות אַרייַן און
נישט בלויז אין תּחות אַרייַן, נאָר טאַקע זיי געגעבן איבערן קאָפּ כּמו שכּתובֿ...״
"פֿאַרשטיי, בעניעק -- האָב איך מיר פּראָבירט פֿאַרטיידיקן -- ערשטנס, באַקום איך
זעלטן עפּעס פֿון מייַסטער. צווייטנס, דו אַרבעטוסט אויף אַן אַנדערן אָפּטייל און דו
ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז עס איז שטרענג פֿאַרבאָטן אַריבערצוגיין פֿון איין אָפּטיילונג
צו דער אַנדערער. דריטנס, שווער איך דיר, אַז כ׳האָב אַ מאָל פּראָבירט, אָבער ס׳איז
מיר נישט געלונגען. ביז כ׳בין צוגעקומען צו דייַן אָפּטיילונג, האָב איך שוין מער
גאָרנישט געהאַט פֿון דעם האַלבן קאַרטאָפֿל, וואָס כ׳האָב דיך געוואָלט געבן. יעדער
רגע האָב איך געצופּט און געדזשאָביעט אַ פּיצעלע און נאָך אַ פּיצעלע און בשום-אופֿן
זיך נישט געקענט אייַנהאַלטן, ביז ס׳איז מיר גאָרנישט מער איבערגעבליבן. כ׳ווייס
אַליין נישט, אָבער דער האַלבער קאַרטאָפֿל האָט געהאַט עפּעס אַזאַ גוטן טעם, גלייב
מיר, איך האָב נאָך קיין מאָל אין לעבן נישט געגעסן אַזאַ געשמאַקן קאַרטאָפֿל, ממש
טעם גן-עדן.״
בעניעק אָבער האָט געהאַט אַ גוט האַרץ, -- נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַלעקט מיט
דער צונג איבער די אויסגעטריקנטע ליפּן זייַנע, אויסהערנדיק וועגן דעם האַלבן
וווּנדערלעכן קאַרטאָפֿל, וואָס ער האָט אים נישט באַקומען פֿון מיר, האָט ער מיר
דאָך ווידער אָפּגעמאָסטן און אַרייַנגעציילט מיטן לעפֿל אין מייַן טאָפּ אַרייַן: ״פֿי-נעף,
ז-ע-קס, זיבן, האָסט גענוג פֿאַר הייַנט! ס׳איז געדיכטע זופּ.״
איצט אָבער גייען מיר צוזאַמען אין טויטנמאַרש, אייַנגעשלאָסן אין דער ריי, און היטן
אָפּ איינער דעם צווייטן, אַז קיינער זאָל, חלילה, נישט בלייַבן הינטערשטעליק.